בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# שֵׁיינֶע אוֹיגְן

**דֶער קוּנְטְרֵס אִיז מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵּק אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ הֵיילִיגְן דִי אוֹיגְן. וִוי אַזוֹי אַ אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן שֵׁיינֶע אוֹיגְן אוּן קוּקְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, וָואס דָאס הַרְגְ׳ט דִי אוֹיגְן, אוּן דֶעם גַאנְצְן מֶענְטְשׁ, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.**

**אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "עֵינַיִם יָפוֹת" פוּן הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, עַמּוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט**

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב – ווילְיַאמְסְבּוּרְג

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**באָראַ פּאַרק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראָוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# שֵׁיינֶע אוֹיגְן

## א

### אוֹיף דִי אוֹיגְן דֶערְקֶענְט מֶען דֶעם גַאנְצְן מֶענְטְש

חֲזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית כ"ד.) "מָשָׁל לְכַלָּה שֶׁהִיא בְּבֵית אָבִיהָ, כָּל זְמַן שֶׁעֵינֶיהָ יָפוֹת, אֵין כָּל גּוּפָהּ צָרִיךְ בְּדִיקָה", וֶוען אַ כַּלָּה הָאט שֵׁיינֶע אוֹיגְן, דַארְף מֶען אִיר שׁוֹין נִישְׁט צוּפִיל נָאכְקוּקְן, וַוייל מֶען וֵוייסְט שׁוֹין אַז זִי אִיז שֵׁיין. הָאבְּן צַדִיקִים גֶעטַייטְשְׁט דִי גְמָרָא אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד; אַ אִיד וָואס הָאט שֵׁיינֶע אוֹיגְן, עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיינֶע אוֹיגְן צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף

װאָס מען מעג, דאַן װײסט מען שױן אַז דער גאַנצער מענטש איז אַ הײליגער און זױבערער מענטש, מען דאַרף אים שױן גאָרנישט נאָכקוקן, װײל אַלעס װענדט זיך אין די אױגן.

אַ איד דאַרף זיך צוגעװאױנען צו טראַכטן נאָר פונעם אײבערשטן, צו קוקן נאָר צום אײבערשטן, זײן גאַנצער מח זאָל נאָר זײן פאַרנומען אַלעמאָל מיט'ן אײבערשטן. װײל דער אמת איז דאָך אַזױ אַז אַלעס װאָס געפונט זיך אױף דער װעלט איז נאָר דער אײבערשטער אַלײן, ער האָט זיך נאָר פאַרשטעלט מיט אַזאַ לבוש פון די זאַכן װאָס מען זעט אױף דער װעלט, און דעריבער זעט אױס װי עס געפונט זיך אַסאַך זאַכן אױף דער װעלט, װען אַ איד קוקט אָבער מיט אַן אמת אױג, װײסט ער אַז אַלעס איז דער אײבערשטער, און אַלעס פירט דער אײבערשטער.

ווען אַ איד וואלט גענוצט זיינע אויגן אויף דעם וועג, צו זען נאר דעם אייבערשטן וואס באַהאלט זיך אין יעדע זאַך, דאַן וואלט ער געהאַט אַ גליקליך און פרייליך לעבן אויף דער וועלט. אַלע צרות און שוועריקייטן וואס אַ מענטש ליידט אויף דער וועלט, קומט נאר פון דעם וואס דער מענטש רעדט זיך איין אַז זאכן פירן זיך אויף דער וועלט פון זיך אַליין, ער לעבט אין אַ דמיון אַז עס דא אַזא זאַך ווי "טבע מקרה און מזל", ער מיינט אַז זאכן פּאסירן ווייל אַזוי איז דער דרך הטבע, ווייל עס איז פונקט אַזוי געשען, אָדער ווייל ער האט אַזא סארט מזל. ווען אַ איד זאל זיך אָבער איינגאנצן אַריינלייגן אין די הייליגע אמונה, צו וויסן און גלויבן אַז עס קען גארנישט פּאסירן אויף דער וועלט אָן רשות פונעם אייבערשטן, וואלט ער נישט געהאַט קיין שום צרות.

דער רבי זאָגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן נ״ב) אַז אַ מענטש האָט קשיות אויפ׳ן אייבערשטן, ער פאַרשטייט נישט פאַרוואס דער אייבערשטער טוט אַזוי און אַזוי, מיט זיין שכל וואָלט דער מענטש פאַרשטאַנען אַז מען דאַרף ווען טון אַנדערש, און דאַן וואָלט געווען פיל בעסער. און דאָס איז וואָס צעבּרעכט דעם מענטש, ווען ער זעט ווי זאכן גייען נישט אין דעם ריכטונג וואָס ער וויל, עס גייט נישט אַזוי ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אַז עס דאַרף גיין.

ווען אַ איד האָט אָבער ״שײנע אויגן״, ער קוקט נאָר צום אייבערשטן, דאַן האָט ער אַ שיין לעבן אויף דער וועלט. דער רבי זאָגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן רנ״ד) אַז דאָס אויג פון אַ מענטש איז גאָר אַ הויכע און געהויבענע זאַך. די אויגן קענען זען גאָר וואונדערליכע זאכן. און דאָס איז נישט נאָר אַזוי בּיי אַ גרויסער צדיק,

נאָר די אויגן פון יעדן מענטש אויף דער וועלט זעען שטענדיג גאָר גרויסע און וואונדערליכע זאכן. מיר זעען אז ווען מען פירט דורך א זאך גאָר שנעל פאר די אויגן פון א מענטש, וועט דער מענטש נישט קענען זאגן וואס ער האָט געזען. כאָטש וואס זײנע אויגן האבן פאקטיש געזען די זאך, אזוי ווי אָבער דאס אויג האט געזען די זאך גאָר שנעל, האָט עס נישט געהאט קײן צײט צו שיקן דאָס בילד צום מח, אז דער מח זאָל אויפכאפן און פארשטײן וואס די אויגן האבן געזען. פון דעם קען מען פארשטײן אז עס זענען דא זאכן וואס דאס אויג זעט, אָבער דער מח כאפט עס נישט אויף. אזוי ארבעט עס בײ יעדן מענטש. די אויגן פונעם מענטש זעען שטענדיג גאָר וואונדערליכע און גרויסע זאכן וואס קומען פאָר אויף דער וועלט; נאָר ער זעט עס אזוי שנעל, אז עס האָט נישט קײן צײט אנצוקומען

צו זײַן מוח, אַז זײַן מוח זאָל קענען אויפֿכאַפּן וואָס ער האָט געזען.

ווען אַ איד זאָל אָבער יאָ גוט אַרײַנטראַכטן אין די זאַכן וואָס ער זעט, וואָלט ער אַנערקענט אַז עס טוען זיך אויף דער וועלט גאָר גרויסע און געהויבענע זאַכן. חז״ל זאָגן (בּראשית רבּה, פּרשה י׳, סימן ו׳) ״אָמַר רַבִּי סִימוֹן אֵין לְךָ כָּל עֵשֶׂב וְעֵשֶׂב, שֶׁאֵין לוֹ מַזָּל בָּרָקִיעַ שֶׁמַּכֶּה אוֹתוֹ, וְאוֹמֵר לוֹ גְּדַל״, יעדעס קלײן גראָזל וואָס וואַקסט אויף דער וועלט, האָט אַ מזל אויבן אין הימל וואָס מאַכט אים וואַקסן. יעדע פּיצעלע זאַך וואָס טוט זיך אויף דער וועלט, ווערט געפֿירט נאָר פֿון אויבן מיט אַ געוואַלדיגע השגחה פּרטית פֿונעם אײבערשטן אַלײן. ווען אַ איד איז זוכה צו קוקן נאָר אויף דעם, ער קוקט נאָר צום אײבערשטן, דאַן וואָלט ער געוואָרן

אינגאנצן צוגעקלעבט צום אײבערשטן, און ער װאלט געהאט א קלארע רוח הקודש.

פון די אנדערע זײט זענען מיר אבער נישט קײן מלאכים, מיר לעבן אויף די װעלט, און עס מוז דא זײן א בחירה, אז א מענטש זאל אלײן קענען אויסקלויבן די ריכטיגע װעג, א מענטש מוז זיך אלײן קענען שטארקן אויף זײנע שװערע נסיונות און זיך צוריק קערן נאר צום אײבערשטן. און דעריבער האט מען געגעבן די כוחות פאר'ן סמך-מם אז ער זאל קענען מטמא זײן די אויגן פונעם מענטש, אז ער זאל קוקן אויף פרעמדע פרויען, אז ער זאל קוקן אויף טמא'נע און מיאוס'ע זאכן, און אזוי דערװײטערט ער דעם מענטש פונעם אײבערשטן.

חז"ל זאגן (סנהדרין מ"ה.) "אין יצר הרע שולט אלא במה שעיניו רואות", דער יצר הרע קען ארבעטן אויף

אַ מענטש נאָר נאָכדעם װאָס ער איז אים מכשיל צו קוקן אויף שלעכטע זאכן, דאָס איז דער װעג װי אַזוי דער יצר הרע שלעפּט אַװעק אַ מענטש פונעם אײבערשטן. ספּעציעל אין די הײנטיגע צײטן האָט זיך דער סמך־מם זײער געשטאַרקט מיט די זאכן, מען זעט אַז דער יצר הרע האָט אַרײנגעבּרענגט אַזױפיל שמוץ אויף דער װעלט, סײ אויפ׳ן גאַס זעט מען לײדער אַזױפיל שמוץ, די גוים גײען אָנגעטון, אָדער בעסער געזאָגט אויסגעטון, ממש װי די חיות. װאו מען דרײט זיך טרעפט מען זיך אָן מיט גאָר פּריצות׳דיגע און אויסגעלאַסענע פרויען. און סײ מיט אַנדערע װעגן װאָס דער יצר הרע האָט אַרײנגעבּרענגט דורך די נײע טעכנעלאָגישע כלים, אַז מען דאַרף אפילו נישט גײן אויפ׳ן גאַס, נאָר סײ װאו מען געפונט זיך נאָר קען מען לײדער זען די ערגסטע סאָרט שמוץ, די נידריגסטע סאָרט בילדער און װידיאָס, און דער עיקר ציל װאָס

דער יֵצֶר הָרַע וויל מִיט דֶעם, אִיז נָאר אַוֶועקצוּשְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר אִיז אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אוֹיף דֶער וֶועלְט זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִיבֶּערְ'ן יֵצֶר הָרַע, אוּן זִיךְ יָא אָנְשְׁטְרֶענְגֶען מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן. אוּן דַאן, וֶוען מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְן "שֵׁיינֶע אוֹיגְן", וֶועט אוּנְז שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ לִיכְטִיג וֶוערְן, מִיר וֶועלְן נָאר זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אוּן דָאס וֶועט אוּנְז גֶעבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע אוּן אַנְגֶענֶעמֶע לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

## ב

## מִיט שִׂמְחָה וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קס"ט) אַז וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אָפְּהִיטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט דוּרְכְפַאלְן אִין דִי הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וַוייל דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן מִיט דִי עֲבֵירוֹת, וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "לִילִית", וָואס דָאס מֵיינְט טְרוֹיעֶרְן אוּן קְלָאגְן. אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז טְרוֹיעֶרִיג אוּן צוּגֶעלֵייגְט, מַאכְט דָאס אִים זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אָבֶּער פְרֵיילִיךְ, וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דִי אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

וֶוען מֶען זֶעט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַלֶעמָאל טְרוֹיעֶרִיג אוּן בְּעַצְבוּת, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נֶעבֶּעךְ פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין דִי סָארְט הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת.

װען מֶען טוט שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן װֶערְט מֶען זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט און צֶעבְּרָאכְן, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין שׁוּם סִפּוּק אִין לֶעבְן.

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד זִיךְ זֵייעֶר אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ הִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, וַוייל אַלֶעס הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי דִי אוֹיגְן, דִי אוֹיגְן אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, און אָן דִי אוֹיגְן אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַ גֶעשְׁטָארְבֶּענֶער. חֲזַ״ל זָאגְן (נְדָרִים ס״ד:) ״סוּמָא חָשׁוּב כְּמֵת״, אַ בְּלִינְדֶער מֶענְטְשׁ װֶערְט גֶערֶעכְנְט וִוי עֶר אִיז שׁוֹין טוֹיט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוֹיבּ דִי אוֹיגְן זֶענֶען נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דַאן אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף גְרוֹיסֶע צָרוֹת. חֲזַ״ל זָאגְן (סִפְרִי, בְּהַעֲלוֹתְךָ) ״אֵין לְךָ חָבִיב בְּכָל הַגּוּף כְּעַיִן, וּמָשַׁל בָּהּ אֶת יִשְׂרָאֵל״, דִי וִויכְטִיגְסְטֶע און חָשׁוּב׳סְטֶע אֵבָר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען זַיינֶע אוֹיגְן, דֶערִיבֶּער דַארְף אַ אִיד זֵייעֶר

שׁטאַרק היטן אױף זײ, און זען אַז זײ זאָלן נישט פאַרשמירט װערן חס ושלום מיט שלעכטע זאַכן. פאַרקערט, אַ איד דאַרף זיך צוגעװאױנען צו קוקן נאָר אױפ׳ן אײבערשטן, אַזױ װי דער רבי זאָגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן א׳) אַז אַ איד דאַרף שטענדיג קוקן אױף די שׂכל װאָס ליגט אין יעדע זאַך. דאָס מײנט אַז אַ איד דאַרף זיך צוגעװאױנען אַז װאָס ער זעט נאָר פאַר די אױגן, זאָל ער גלײך קוקן אױפ׳ן אײבערשטן װאָס באַהאַלט זיך אין די זאַך.

חז״ל זאָגן (ברכות י״ב:) אױפ׳ן פּסוק (במדבר ט״ו, ל״ט) ״ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם; אחרי לבבכם – זו מינות, אחרי עיניכם – זה הרהור עבירה״. דער פּסוק זאָגט אונז אָן אַז מיר זאָלן נישט נאָכגײן נאָך די עבודה זרה׳ס און אױך נישט נאָך נאוף, װײל די צװײ זאַכן גײען אינאײנעם, װי נאָר אַ מענטש איז מפקיר זײנע

אויגן צו קוקן אויף שלעכטע זאכן, הויבט אן אריינצוקומען בײ אים אין קאפ מחשבות פון כפירה און מינות, דאס רײסט אװעק פונעם מענטש זײן אמונה, דאס מאכט אז דער מענטש זאל נישט שפירן דעם אײבערשטן, און דאס איז װאס מאכט דערביטערט דעם מענטש. װײל װען א איד איז נאנט מיט׳ן אײבערשטן, ער שפירט אז דער אײבערשטער איז אלעמאל מיט אים און פארלאזט אים קײנמאל נישט, דאן איז ער א פרײליכער און רואיגער מענטש. חז״ל זאגן (פסחים קי״ז.) ״אין השכינה שורה אלא מתוך שמחה״, די שכינה רוט נישט אויף א מענטש, נאר װען ער איז פרײליך. אזוי ארבעט עס, װען מען היט זיך די אויגן, דאן קען מען שפירן און לעבן מיט׳ן אײבערשטן, און װען מען שפירט דעם אײבערשטן װערט מען זײער פרײליך, און מען האט א געשמאקע לעבן.

חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג:) "בַּתְּחִלָּה קוֹדֶם שֶׁחָטְאוּ יִשְׂרָאֵל הָיְתָה שְׁכִינָה שׁוֹרָה עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד, כֵּיוָן שֶׁחָטְאוּ נִסְתַּלְּקָה שְׁכִינָה מֵהֶם", אֵײדֶער דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט, הָאט דֶער אֵײבֶּערְשְׁטֶער גֶערוּט אוֹיף יֶעדְן אִיד, נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן אָבֶּער הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט, אִיז דִי שְׁכִינָה אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן זֵײ. אוּן דָאס מֶערְסְטֶע אִיז דָאס וֶוען מֶען זִינְדִיגְט מִיט דִי אוֹיגְן, וָואס דָאס נֶעמְט גָאר שְׁטַארְק אַוֶועק אַ אִיד פוּנֶעם אֵײבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת, פֶּרֶק א', הֲלָכָה ה'): "לִיבָּא וְעֵינָא תְּרֵי סַרְסוּרֵי דְחַטָאָה, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: אִי יְהָבְתְּ לִי לִבָּא וְעֵינָא, אֲנָא יָדַע דְאַנְתְּ לִי" - דִי הַארְץ מִיט דִי אוֹיגְן זֶענֶען דִי צְוֵויי מֶעקְלֶער וֶועלְכֶע בְּרֶענְגֶען אַ מֶענְטְשׁ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דֶער אֵײבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר יֶעדְן אִיד: "אוֹיבּ גֶעבְּסְטוּ מִיר דַיין הַארְץ אוּן דַײנֶע אוֹיגְן, דַאן וֵוייס אִיךְ אַז דוּ בִּיזְט מַײנֶער!" וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן הֵײלִיגֶע אוֹיגְן,

עֶר הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן און קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דַאן אִיז עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס אַ מֶענְטְשׁ, זַיין מֹחַ וֶוערְט אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט און עֶר הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ לָאמִיר אָנְהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אַלֶעמָאל זַיין פְּרֵייליךְ און אוֹיפְגֶעלֵייגְט, שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס קֶען רַאטֶעוֶוען אַ אִיד פוּן פְּגַם הַבְּרִית, שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת, און דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז שׁוֹין אָפְּהִיטְן אַז מִיר זָאלְן מֶער נִישְׁט קְרִיכְן און זוּכְן קַיין שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין זִיךְ אֱמֶת׳דִיג צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, און דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּעֶן בַּיי אוּנְז שְׁטֶענְדִיג; מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ רֵיינֶע און קְלָארֶע אֱמוּנָה, און אַזוֹי וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ פְּרֵיילִיכֶע

און גליקליכע לעבן אויף די װעלט און אויף יענע װעלט.

## ג

## ס'איז אײביג דא א װעג ארויס

דער נביא ישעיהו קלאגט און שרײט (ישעיה א', ד') "הוי גוי חֹטא, עם כבד עון זרע מרעים בנים משחיתים, עזבו את ה', נאצו את קדוש ישראל, נזרו אחור", דער נביא רעדט זיך אפ אויף די אידן װעלכע פאלן לײדער דורך אין די הארבע עבירה פון פגם הברית, הוצאת זרע לבטלה, רחמנא ליצלן, װאס דאס איז גאר א געפערליכע עבירה, ממש װי א מענטש װאלט געה'רג'ט זײנע אײגענע קינדער רחמנא ליצלן.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קמ"א) אז װען א מענטש פאלט דורך אין די הארבע עבירה פון

פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וֶוערְן פון דֶעם בַּאשַׁאפְן קְלִיפּוֹת און מַשְׁחִיתִים און זֵיי זֶוענֶען זִיךְ נוֹקֵם אִינֶעם מֶענְטְשׁ נָאךְ זַיין שְׁטַארְבְּן רַחֲמָנָא לִיצְלָן. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִדוֹת, אוֹת נִאוּף, סִימָן מ״ח) ״הַמוֹצִיא זֶרַע לְבַטָלָה, כְּאִלוּ הֵבִיא בָּנָיו קָרְבָּן לַעֲבוֹדָה זָרָה, גַם נִדוֹן בִּסְקִילָה״, און דִי דָאזִיגֶע הַארְבֶּע עֲבֵירָה קוּמְט נָאר פון דֶעם וָואס מֶען פַאלְט דוּרְךְ און מֶען קוּקְט אוֹיף פְּרֶעמְדֶע פְּרוֹיעֶן, מֶען קוּקְט אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן, אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע בִּילְדֶער און וִוידִיאָס; דָאס אִיז וָואס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם אַז מֶען זָאל דוּרְכְפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת.

חֲזַ״ל זָאגְן (מֶדְרַשׁ תְּהִלִים קמ״ו, ה׳) ״אֵין לְךָ יִסוּרִין כְּעִוְרוֹן עֵינַיִם״, דִי גְרֶעסְטֶע יִסוּרִים פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֶוען עֶר הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, דָאס רַייסְט אִים אַוֶועק אִינְגַאנְצְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ

שװערע עבירות רחמנא ליצלן. װי עס װערט געבּרענגט אין טור (טור אורח חיים סימן א׳) ״שתעצים עיניך מראות בּרע. כּי היא תּחילת העבירה, שהעין רואה והלב חומד וכלי המעשה גומרין״.

נישט נאר בּרוחניות איז אזױ געפערליך װען מען פאלט נעבעך דורך אין קוקן שמוץ װאס דאס בּרענגט צו פּגם הבּרית, הוצאת זרע לבטלה, רחמנא ליצלן; נאר אױך בּגשמיות בּרענגט דאס אױפ׳ן מענטש גרױסע צרות אין לעבּן, דאס בּרענגט אריין דעם מענטש אין א שטארקע דעפּרעסיע, ער װערט א דערבּיטערטער און צעבּראכענער מענטש, ער פארלירט זײן גאנצע ספּוק און חשק צו לעבּן; דער מענטש אלײן כאפּט נישט פארװאס ער איז אזױ טרױעריג און צעקלאפּט, פארװאס ער האט נישט קײן אפּעטיט צו קײן שום זאך,

דאָס קומט אָבער פון דעם װאָס מען קוקט שמוץ און מען פּאַלט דורך אין האַרבע עבירות.

דער רבי זאָגט (ספר המדות, אות עצבות, סימן א׳) "מי שלא תיקן חטאת נעורים, על ידי זה באים לו דאגות", די עבירות ברענגען אַז דער מענטש זאָל אײביג זײַן פאַר׳דאַגה׳ט. נאָך זאָגט דער רבי (ספר המדות, אות פדיון שבוים, סימן י״א) "מי שלא תיקן חטאות נעורים, על ידי זה בא לבית האסורים", די עבירות ברענגען אַז דער מענטש זאָל אַרײַנגעװאָרפן װערן אין תפיסה, און דאָס מײנט אויך די אײגענע תפיסה אין װאָס דער מענטש װערט פאַרשלאָסן, ער איז װי געבינדען אין קײטן אין שאול תחתית. און בכלל אַלע צרות און יסורים װאָס קומען אויף אַ מענטש נעמט זיך פון דעם װאָס ער פּאַלט דורך אין די האַרבע עבירות פון פּגם הברית, הוצאת זרע לבטלה, רחמנא ליצלן, אַזוי װי דער רבי

זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת, אוֹת נִאוּף, סִימָן כ״ו) ״עַל יְדֵי הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה בּוֹרֵא קְלִיפּוֹת הַמִתְלַבְּשִׁים בִּבְנֵי אָדָם מִתְנַגְדִים, וְחוֹלְקִים עָלָיו וְעוֹשִׂין לוֹ יִסוּרִים״, אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַײדְט זִיךְ צוּזַאם פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס רוֹדְפְ׳ן אִים, קוּמְט פוּן דִי שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת אִין וָואס עֶר אִיז אַרַײנְגֶעפַאלְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אֲפִילוּ אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ קוּקְן אוֹיף שְׁמוּץ, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶר לִיגְט שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַײט אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, הָאט עֶר נָאכְאַלְץ אַלֶעמָאל אַ וֶועג אַרוֹיס. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן ע״א) אַז אֲפִילוּ אוֹיף דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, הֶעלְפְט אוֹיךְ תְּשׁוּבָה, דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען זָאל זִיךְ פַארְנֶעמֶען אַז פוּן יֶעצְט אוּן וַוײטֶער וֶועט מֶען פְּרוּבִּירְן

זיךְ צוריק צו הַאלְטְן נִישְׁט צו טון זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט.

עֶס גֵייט טַאקֶע נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג, חֲזַ"ל זָאגְן (קִדוּשִׁין ל':) "בְּכָל יוֹם וָיוֹם יִצְרוֹ שֶׁל אָדָם מִתְחַדֵשׁ עָלָיו", דֶער יֵצֶר הָרַע בַּאנֵייט זיךְ יֶעדְן טָאג צו מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן, און סְפֶּעצִיעֶל שְׁטַארְקְט זיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע אויף אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל דוּרְכְפַּאלְן און קוּקְן אויף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, יֶעדְן טָאג בְּרֶענְגְט דֶער יֵצֶר הָרַע צוּם מֶענְטְשׁ פְרִישֶׁע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אַז עֶר זָאל נָאר וֶועלְן קוּקְן אויף שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן. דֶערִיבֶּער אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר אַ אִיד נָאר צו רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל זיךְ צוּגֶעוואוינֶען צו דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַלֶעס וָואס גֵייט אויף אִים אַרִיבֶּער, סֵיי בְּרוּחְנִיוּת און סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת, און נָאר דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר

אַ מענטש צו קענען אַרױסקריכן פון זײנע שלעכטע געוואוינהייטן.

דאָס רעדן צום איבערשטן איז אַזאַ שטאַרקער כּח, אײנער וואָס געוואוינט זיך צו צו רעדן אַסאַך צום איבערשטן, ווערט זײן מוח אויסגעלײטערט, און ער ווערט נאָנט צום איבערשטן, און דאַן וועט אים שוין נישט ציען די אַלע שלעכטע זאַכן. אַוודאי וועט דער מענטש נישט געהאָלפן ווערן אין אײן טאָג; נאָכדעם וואָס ער ליגט שוין אַזאַ לאַנגע צײט אין זײן שלעכטס, וועט ער זיך נישט אַרױסדרײען אַזױ שנעל דערפון; ווען אַ איד וועט אָבער נישט אויפגעבן, ער וועט יעדן טאָג נאָכאַמאָל קומען צום איבערשטן, ער וועט רעדן צו אים, שרײען צו אים, און װײנען צו אים, וועט ער סוף כּל סוף זיך אָפּלאָזן אינגאַנצן פון אַלע שלעכטע זאַכן, און וועט ווערן אַן אמת׳ער ערליכער איד.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן נ"ה) אז ווען א איד רעדט אסאך צום אייבערשטן, קען ער צוקומען צו אזא מדריגה אז ער וועט שוין גארנישט זען אויף דער וועלט, אפילו זיך אליין וועט ער שוין אויך נישט זען, ער וועט נאר זען דעם אייבערשטן אליין. צדיקים האבן אזוי סאך גערעדט צום אייבערשטן, און דאס האט זיי געברענגט דערצו אז זיי זאלן שוין נישט האבן די שווערע נסיונות פון שמירת עינים, אזוי ווי חז"ל דערציילן (עבודה זרה כ'.) אויף רבי עקיבא אז ער האט זיך אויסגעלאכט ווען עס איז אים אונטערגעקומען א נסיון אין שמירת עינים, ווייל א צדיק איז אזוי שטארק צוגעקלעבט צום אייבערשטן, אז די אלע שלעכטע זאכן רעדן שוין נישט צו אים בכלל.

מיר קענען אויך זוכה זיין צוצוקומען צו דעם, אויב מיר וועלן זיך אויך צוגעוואוינען צו רעדן אסאך צום

אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן קי"ב) "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ גְלֵייבְּסְטוּ אַז מֶען קֶען פַארְדַארְבְּן, זָאלְסְטוּ אוֹיךְ גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען פַארְרֶעכְטְן. וְוִיפִיל אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר אָפְּגֶעטוּן אִין זַיין לֶעבְּן, וְוִיפִיל אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר פַארְדָארְבְּן אִין זַיין לֶעבְּן, הָאט עֶר נָאכְאַלְץ אַ שַׁאנְס צוּ פַארְרֶעכְטְן, עֶר קֶען אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן. דֶערִיבֶּער לָאמִיר זִיךְ פָּארְנֶעמֶען פוּן יֶעצְט צוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועלְן מִיר זֶען וִוי אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם סוֹף צוּם גוּטְן.

מִיט דֶעם אַלֵיין וָואס אַ אִיד קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם אַלֵיין וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר

הַמִדוֹת, אות אֱמוּנָה, סִימָן ל״ג) ״עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲוונוֹתֶיךָ״, וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

ד

## מֶען בְּלַייבְּט נִישְׁט אֵייבִּיג אוֹיף דֶער וֶועלְט

אַ אִיד דַארְף וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען בְּלַייבְּט נִישְׁט אֵייבִּיג דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶס וֶועט קוּמֶען אֵיין טָאג וֶוען מֶען דַארְפְן אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, מֶען וֶועט דַארְפְן שְׁטֵיין פַארְ׳ן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה אוּן אָפְּגֶעבְּן אַ דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן בַּיים לֶעבְּן, וֶועט מֶען בַּאצָאלְן זֵייעֶר אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אִין לוֹיף פוּנֶעם לֶעבְּן.

אֵלִיָהוּ הַנָבִיא דֶערְצֵײלְט (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ רַבָּה, פֶּרֶק י״ח)
״אֵײנְמָאל בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען קַײן בָּבֶל, אוּן אִיךְ בִּין דָארְט אַרַײן אִין אַ גְרוֹיסֶע אִידִישֶׁע שְׁטָאט, קַײן אֵײן גוֹי הָאט דָארְט נִישְׁט גֶעװאוֹינְט, אוּן אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעטְרָאפְן אַ מְלַמֵד װָאס זִיצְט אוּן לֶערְנְט מִיט צְוֵײ הוּנְדֶערְט בָּחוּרִים, רוֹב פוּן זֵײ זֶענֶען גֶעוֶוען אִין דִי עֶלְטֶער פוּן אַכְצְן-צְוָואנְצִיג יָאר. אַ יָאר שְׁפֶּעטֶער בִּין אִיךְ נָאכְאַמָאל אַהִין גֶעגַאנְגֶען אוּן אִיךְ הָאבּ זֵײ מֶער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן, דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי בָּחוּרִים הָאבְּן גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז זֵײעֶר רֶבִּי זָאל שְׁטַארְבְּן, אוּן אוֹיךְ זַײן װַײבּ אוּן זַײן גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר אֵײן קְלֵײנֶער אֵײנִיקְל אִיז אִים אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן, אוּן אַלֶע אַכְצְן-צְוָואנְצִיג יֶערִיגֶע בָּחוּרִים זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר דִי יוּנְגֶע קִינְדֶער זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן.

"האב איך אנגעהויבן זייער צו וויינען און טרויערן אויף זיי, ביז עס איז געקומען צו מיר א מלאך פון הימל און מיר געפרעגט פארוואס איך וויין און איך טרויער אזוי שטארק, האב איך אים געזאגט: זאל איך דען נישט וויינען אויף די בחורים וואס האבן שוין געלערנט מקרא און משנה און יעצט זענען זיי אלע געשטארבן? האט ער מיר געענטפערט אז איך טו נישט גוט אז איך וויין אויף זיי, האב איך אים געפרעגט, פארוואס? האט ער מיר געזאגט אז די בחורים האבן געטון מיאוס'ע זאכן, זיי האבן געטון זאכן וואס מען טאר נישט טון, און זיי האבן מוציא געווען זרע לבטלה רחמנא ליצלן". זעט מען פון דעם ווי הארב די עבירה איז.

חז"ל זאגן (מסכת כלה, פרק א') אז ווער עס איז מוציא זרע לבטלה רחמנא ליצלן, איז צוגעגליכן צו א בהמה,

אַזױ װי אַ בְּהֵמָה שְׁטײט נָאר צום שֶׁחְטְ׳ן און הָאט נִישְׁט קַײן חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא, די זֶעלְבֶּע װֶעט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט זוֹכֶה זַײן צוּ חַיֵּי עוֹלָם הַבָּא, דֶער מֶענְטְשׁ הֵײסְט אַן "עֲבַרְיָן" און עֶר אִיז חַיָּיב מִיתָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, װִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ל"ח, ז') "וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי ה', וַיְמִיתֵהוּ ה'".

זֶעט מֶען װִי גֶעפֶערְלִיךְ עֶס אִיז דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, װָאס דָאס נֶעמְט זִיךְ נָאר פוּן דֶעם װָאס מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, און דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ אִיד נֶעמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַײן, נִישְׁט װַוארְטְן בִּיז עֶס װֶערְט שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט, בִּיז װֶוען מֶען דַארְף שׁוֹין צוּרִיקְגֵײן צום אֵײבֶּערְשְׁטְן און אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן, נָאר שׁוֹין יֶעצְט זָאל מֶען תְּשׁוּבָה טוּן און זִיךְ פָּארְנֶעמֶען מֶער נִישְׁט צוּ טוּן דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵײטְן.

ווִי לַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט, קֶען עֶר נָאךְ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ע"ח): "קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדִין", עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ אַז אַ אִיד זָאל אוֹיפְגֶעבְּן, ווַייל מֶען קֶען אֵייבִּיג אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן. אוֹיבּ גְלֵייבְּסְטוּ אַז מֶען קֶען פַארְדַארְבְּן, זָאלְסְטוּ גְלֵייבְּן אַז דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ פַארְרֶעכְטְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן קי"ב).

אַ אִיד דַארְף אַלֶעמָאל צוּרִיק לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ. חַזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית ח.) "אֵין תְּפִלָּתוֹ שֶׁל אָדָם נִשְׁמַעַת אֶלָא אִם כֵּן מֵשִׂים נַפְשׁוֹ בְּכַפּוֹ", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מַמָשׁ הָאבְּן מְסִירַת נֶפֶשׁ צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ ווֶען מֶען זָאגְט אִים אַז עֶר אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא, זָאל עֶר נָאכְאַלְץ צוּרִיקְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ

רעדן צום איבערשטן און דינען דעם איבערשטן. מיט דעם וואס א איד געבט זיך איבער אינגאנצן צום איבערשטן ביז מסירת נפש, ער איז גרייט זיך צו לאזן הרג'ענען פאר'ן איבערשטנ'ס וועגן, וועט אים דער איבערשטער זיכער מוחל זיין אויף אלעס וואס ער האט שלעכטס געטון.

## ה

## איך דארף "שײנע אויגן", ווי אזוי קריך איך ארויס פון מײן שמוץ?

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ד') אז ווען א איד טוט אן עבירה, חס ושלום, ווערט דאס אריינגעקריצט אין זיינע ביינער, אזוי ווי דער פסוק זאגט (יחזקאל ל"ב, כ"ז) "ותהי עונתם על עצמותם", און דאס ברענגט יסורים אויפ'ן מענטש, ווי דער פסוק זאגט (תהלים ל"ד, כ"ב) "תמותת רשע רע", דאס שלעכטס

וָואס דֶער מֶענְטְש הָאט גֶעטוּן, דָאס אַלֵיין הַרְגְ׳ט אִים זַיין לֶעבְּן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְן חֲזַ״ל (תַּנְחוּמָא בְּרָכָה, ו׳) ״רְשָׁעִים אֲפִילוּ בְּחַיֵּיהֶם קְרוּיִם מֵתִים״, אַ רָשָׁע הָאט אַ טוֹיטֶע לֶעבְּן; אוּן וָואס אִיז דִי עֵצָה דָאס צוּ פַארֶרעכְטְן? וִוי אַזוֹי נֶעמְט מֶען צוּרִיק אַרוֹיס דִי עֲבֵירוֹת וָואס זֶענֶען גֶעוָוארְן אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דִי בֵּיינֶער? דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען מַאכְט ״וִידּוּי דְבָרִים״, מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, אוּן מֶען בֶּעט אִים זַיין הִילְף. וֶוען אַ מֶענְטְש רֶעדְט, גֵייט דִי וֶוערְטֶער אַרוֹיס פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים ל״ה, י׳) ״כָּל עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה״, קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען אַ אִיד רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נֶעמְט עֶר אַרוֹיס דִי עֲבֵירוֹת וָואס זֶענֶען אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער אוּן לָאזְן אִים נִישְׁט לֶעבְּן; אוּן וִוי מֶער אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז נָאךְ בֶּעסֶער.

דערפאר, װען אַ איד כאפּט זיך אײן טאָג אַז עס איז נישט קײן תּכלית װײטער אַזױ אָנצוגײן אין לעבן, דאָס איז נישט קײן װעג צו זינקען אין בלאָטע און זיך הרגענען דאָס לעבן ברוחניות ובגשמיות, עס קען נישט װײטער אַזױ אָנגײן צו זײן פאַרנומען נאָר מיט קוקן נאָך און נאָך שמוץ, צו טון מער און מער עבירות, און זיך אַלײן דערביטערן דאָס לעבן, נישט צו שפּירן קײן טעם אין לעבן; דער איד װיל זיך שױן אױפװעקן פון שלאָף און אַרױסקריכן פון די אַלע נאַרישקײטן, ער װיל אָנהױבן װערן אַ פרײליכער מענטש און נישט טראַכטן אַזױפיל פון עבירות, ער איז אָבער אַזױ אַרײנגעטון אין דעם, אַז ער זעט שױן נישט דער װעג אַרױס, װיפיל ער פּרובירט זיך אַרױסצוזען דערפון, װערט ער נאָך מער און מער פאַרפּלאָנטערט, די עבירות זענען אים ממש אײנגעקריצט אין זײנע בײנער און ער קען נישט פּטור װערן דערפון; דאַרף דער איד

גוט װיסן אַז ער האָט נאָר אײן לעזונג, ער האָט נאָר אײן עצה װאָס װעט אים העלפֿן, דאָס איז אַז ער זאָל זיך עפֿענען דאָס מויל און אָנהויבן רעדן צום אײבערשטן, ער דאַרף זיך טרעפֿן אַ פּלאַץ װוּ קײנער איז נישט דאָרט, און זיך גוט אויסװײנען צום אײבערשטן, אים דערצײלן אַלעס װאָס גײט אויף אים אַריבער, און נאָר דאָס װעט אים העלפֿן אין לעבן.

אין אָנהויב, װען אַ איד הויבט אָן צו רעדן צום אײבערשטן, איז דאָס זײער שװער; דער מענטש שפּירט װי קײנער הערט אים נישט אויס, ער פֿילט נישט אַז דער אײבערשטער הערט יעדעס װאָרט װאָס מען רעדט צו אים. דאַרף מען אָבער װיסן אַז דער אמת איז אַז דער אײבערשטער הערט אויס יעדעס װאָרט, נאָר די עבֿירות װאָס דער מענטש האָט אָפּגעטון, מאַכט אַז ער זאָל נישט שפּירן דעם אײבערשטן. דער

רבּי זאָגט (ספר המדות, אות אמונה, סימן כ"ב) "הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם, מַכְנִיס כְּפִירָה בָּאָדָם", די עבירות וואָס דער מענטש טוט, ברענגט אין אים אַרײַן כפירה, אַז ער זאָל נישט גלייבן אַז דער אײבערשטער איז אַלעמאָל מיט אים, און הערט אויס יעדעס וואָרט וואָס מען רעדט צו אים, אַזוי ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה נ"ט, ב') "כִּי אִם עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵכֶם לְבֵין אֱלֹקֵיכֶם", ווען אַ מענטש זינדיגט, מאַכט ער אַ מחיצה צווישן דעם אײבערשטן און זיך; דורך דעם וואָס אַ איד רעדט אָבער אַסאַך צום אײבערשטן, ער איז זיך מתוודה פאַר'ן אײבערשטן, דורך דעם מאַכט ער טירן אין די מחיצה, ער רײַסט אויף מער און מער די מחיצה, ביז ווען ער איז זוכה עס אינגאַנצן אַוועק צו נעמען.

דערפאַר זאָגן חז"ל (תורת כהנים, בחקותי) "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲווֹנוֹתֵיהֶם,

מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאגְט אוֹיס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן, וַוייזְט עֶר דָאךְ מִיט דֶעם אַז עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט נָאכְגִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוּן עֶר ווִיל נָאךְ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים צוּרִיק נֶעמֶען צוּ זִיךְ. דֶערִיבֶּער לָאמִיר זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, לָאמִיר אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועלְן מִיר וֶוערְן נָאנְט צוּ אִים אוּן מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, אַזוֹי ווִי דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית דַף נ"ו.) "כָּל מַאן דְאוֹדֵי עַל חֶטְאֵיהּ, קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא שָׁבִיק לֵיהּ וּמָחִיל עַל חוֹבֵיהּ", וֶוער עֶס אִיז זִיךְ מוֹדֶה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֶעס מוֹחֵל. דִי יְשׁוּעָה לִיגְט אִין

אונזער אײגענע הענט, מיר קענען אַרױסקריכן פון אַלע פּראָבלעמען און האָבן אַ פרײליך לעבן, מיר דאַרפן נאָר אָנהױבן צו רעדן צום אײבערשטן אַזױ װי מען רעדט זיך אױס דאָס האַרץ פאַר אַ גוטער חבר, װי אַ קינד װײנט זיך אױס צו זײַן טאַטע, און דאַן װעלן מיר געהאָלפן װערן מיט אַ גאַנצע ישועה.

װען מענטשן װאָלט װען געװאוסט די גרױסקײט פון תפלה, װאָס דאָס איז תפלה, װאָס מען קען אַלץ אױפטון און דורכברעכן מיט׳ן רעדן צום אײבערשטן, װאָלטן זײ דאָס געטון אַ גאַנץ לעבן; װען זײ האָבן נאָר אַ מינוט, װאָלטן זײ גערעדט צום אײבערשטן; יעדעס װאָרט װאָס מען רעדט צום אײבערשטן, ברענגט הצלחה פאַר׳ן מענטש אױף אײביג, אַזאַ שטאַרקע און גרױסע הצלחה װאָס מען קען זיך גאָרנישט

פָארְשְׁטֶעלְן, און דָאס בְּרֶענְגְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל"ד).

דַוְקָא וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז צֶעבְרָאכְן בַּיי זִיךְ, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט אוּן עֶר פִילְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דַוְקָא דֶעמָאלְט זֶענֶען זַיינֶע תְּפִלּוֹת נָאךְ מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ה'.) אֵין תְּפִלָּתוֹ שֶׁל אָדָם נִשְׁמַעַת, אֶלָּא אִם כֵּן מֵשִׂים לִבּוֹ כְּבָשָׂר", דַוְקָא וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז צֶעבְרָאכְן אוּן גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, הֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ מֶער אוֹיס זַיינֶע תְּפִלּוֹת. נִישְׁט אוּמְזִיסְט זָאגְן חֲזַ"ל (סַנְהֶדְרִין מ"ג:) "מִי שֶׁדַּעְתּוֹ שְׁפֵלָה, אֵין תְּפִלָּתוֹ נִמְאֶסֶת, שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים נ"א, י"ט) "לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה, אֱלֹקִים לֹא תִבְזֶה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז קְלֵיין בַּיי

זיך, װעט דער אײבערשטער נישט אַװעק װאַרפן זײַנע תּפֿלות.

חז״ל זאָגן (ויקרא רבה, פּרשה ל׳, סימן ג׳): ״בּדורות הללו שאין להם לא מלך ולא נביא, לא כּהן ולא אורים ותמים, ואין להם אלא תּפלה זו בּלבד, אמר דוד לפני הקדוש בּרוך הוא, רבּונו של עולם אל תּבזה את תּפלתם״, הײַנטיקע צײַטן װען די אידן האָבן נישט קײן קעניג און נישט קײן נביא, נישט קײן כּהן און נישט קײן אורים ותומים, זײ האָבן נאָר די עצה פֿון תּפֿלה, בעט זיך דוד המלך בײַם אײבערשטן אַז ער זאָל נישט פֿאַרשעמען די תּפֿלות פֿון די אידישע קינדער. װען אַ איד איז שטאַרק מיט דעם אַז ער רעדט זיך יעדן טאָג אויס דאָס האַרץ צום אײבערשטן, װעט אים דער אײבערשטער זיכער נישט פֿאַרשעמען, סוף כּל סוף

װעט אים דער אײבערשטער העלפן אַז ער װעט אַרױסקריכן פון אַלע שלעכטס.

חז"ל זאָגן (מדרש תנחומא וירא): "אמר להן הקדוש ברוך הוא לישראל, הוו זהירין בתפלה, שאין מדה אחרת יפה הימנה והיא גדולה מכל הקרבנות. ואפלו אין אדם כדאי להענות בתפלתו ולעשות חסד עמו, כיון שמתפלל ומרבה בתחנונים, אני עושה חסד עמו", דער אײבערשטער זאָגט פאַר די אידישע קינדער: איר זאָלט זײן זײער געװאָרנט אין תפלה, װײל עס איז נישטאָ קײן בעסערע זאַך פון דעם, און דאָס איז גרעסער פון אַלע קרבנות, אפילו װען דער מענטש איז נישט װערד אַז מען זאָל אױסהערן זײנע תפלות און אים העלפן, אױב אָבער װעט אַ איד נישט אױפגעבן, נאָר זיך אײנבעטן בײם אײבערשטן אײנמאָל און נאָכאַמאָל, װעט אים דער אײבערשטער זיכער העלפן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נִישְׁט אַוֶועק וַוארְפְן קַיין שׁוּם אִיד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף יֶעדְן אִיד אוּן ווִיל נָאר מְקַרֵב זַיין יֶעדְן אִיד, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִיפִיל דֶער אִיד הָאט שׁוֹין צוּזַאם גֶעזִינְדִיגְט; עֶר וַוארְט נָאר אַז דֶער אִיד זָאל זִיךְ טַעֲנָה'ן מִיט אִים, אַז דֶער אִיד זָאל קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְ'טַעֲנָה'ן מִיט אִים אַז עֶר ווִיל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים אוּן זַיין נָאנְט צוּ אִים, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה א', י"ח) "לְכוּ נָא וְנִוָּכְחָה, יֹאמַר ה'", אוּן דַאן, וֶוען אַ אִיד טַעֲנָה'ט זִיךְ אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֶעס מוֹחֵל, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט דָארְט וַוייטֶער (שָׁם) "אִם יִהְיוּ חֲטָאֵיכֶם כַּשָּׁנִים כַּשֶּׁלֶג יַלְבִּינוּ, אִם יַאְדִּימוּ כַתּוֹלָע כַּצֶּמֶר יִהְיוּ".

מִיר טָארְן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ אִיד דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אוּן יֶעדְן טָאג נָאכְאַמָאל

זיך בעטן ביים אייבערשטן אז ער זאל שוין זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד, ער זאל שוין זוכה זיין זיך אפצולאזן פון זיינע שלעכטע וועגן, און דאן וועט ער זען ווי מיט די צייט ווערט ער מער און מער נענטער צום אייבערשטן, און ער וועט זיך אפשאקלען פון אלע שלעכטע זאכן.

## ו

## מען קען נישט אליין

כדי צו קענען רעדן צום אייבערשטן, מוז מען האבן א צדיק וועמען מען הערט אויס, מען מוז גיין צו א צדיק, לערנען זיינע ספרים, און פאלגן זיינע עצות, און דאן קען מען עפענען דאס מויל צו רעדן צום אייבערשטן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ס׳) אַז אַ צַדִיק װֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלָאף, אָן אַ צַדִיק כַאפְּט אֲפִילוּ נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס סְ׳פֶּעלְט אִים, עֶר אִיז פַארְזִינְקֶען אִין אַ טִיפֶע שְׁלָאף און עֶר כַאפְּט אֲפִילוּ נִישְׁט װִי זַיינֶע יָארְן לוֹיפְן אִים אַרִיבֶּער אַזוֹי פּוּסְט און לֵיידִיג; דֶערִיבֶּער דַארְף אַ אִיד זוּכְן אַ צַדִיק וָואס קֶען אִים אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, וָואס קֶען אִים מַאכְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן צ״א) אַז אַ צַדִיק אִיז בֶּאֱמֶת אִינְגַאנְצְן דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זֶעט בִּכְלַל נִישְׁט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר זֶעט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דִי צַדִיקִים לָאזְן זִיךְ אַרָאפּ אַזוֹי שְׁטַארְק מִיט אַלֶע סָארְט וֶועגְן כְּדֵי מְקָרֵב צוּ זַיין אוֹיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת וואו עֶר הַאלְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר זִינְקְט טִיף אִין דֶער עֶרְד און קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען פוּן זַיין בְּלָאטֶע; זָאל עֶר וִויסְן אַז עֶר דַארְף קוּמֶען צוּם צַדִיק הָאֱמֶת, צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער צַדִיק וֶועט אִים מְעוֹרֵר זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין אַז עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן דַאן וֶועט עֶר אוֹיפְגֶעוָראכְטְן וֶוערְן אִין לֶעבְּן. מִיר דַארְפְן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן מְקַיֵים זַיין זַיינֶע וֶוערְטֶער, וֶועלְן מִיר זַיין עֶרְלִיכֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע אִידְן.

אוֹיסֶער דֶעם דַארְף זִיךְ יֶעדֶער אִיד אוֹיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן זִיכֶער מַאכְן צוּ פָארְן כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִין אוּמַאן. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִיז

נישט דאָ קײן גרעסערע זאַך פֿון דעם. דער הײליגער רבי האָט צוגעזאָגט, און ער האָט גענומען צװײ עדים אויף דעם, אַז װער עס װעט קומען צו זײַן קבר, ער װעט געבן אַ פּרוטה פֿאַר צדקה לזכותו, און ער װעט דאָרט זאָגן די צען קאַפּיטלעך תּהלים פֿון "תּיקון הכּללי" [ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ], אַפֿילו אויב דער מענטש האָט שוין געטון די ערגסטע עבֿירות, װעט ער אים אַרויסשלעפּן פֿון שאול תּחתּית.

אַ מענטש װאָס האָט נאָר אַביסל שׂכל, ער װײסט װיפֿיל ער איז שוין נכשל געװאָרן אין קוקן אַזױפֿיל שמוץ, װאָס דאָס האָט אים געבֿרענגט צו טון נאָך האַרבע שמוציגע עבֿירות, װעט ער זיכער זיך אָנשטרענגען און זיך מוסר נפֿש זײַן צו פֿאָרן כאָטש אײנמאָל אין לעבן צום הײליגן רבינ'ס ציון אין אומאַן,

און דָארְט וֶועט עֶר זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גַאנְצֶער תִּיקוּן, עֶר וֶועט צוּרִיק קוּמֶען פוּן דָארְט מִיט "שֵׁיינֶע אוֹיגְן", עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן צוּ קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, און עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן קוּקְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ס"ז) אַז דֶער צַדִיק עֶפְנְט דִי אוֹיגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ.

דוּ בִּיזְט טַאקֶע שׁוֹין דוּרְכְגֶעפַאלְן אַזוֹיפִיל מָאל אִין לֶעבְן, עֶס אִיז דִיר טַאקֶע זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּצוּלָאזְן פוּן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן, אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן. נֶעם זִיךְ פָּאר צוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים צוּ דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, וֶועסְטוּ זִיכֶער זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, און דוּ וֶועסְט

הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אויף דִי וֶועלְט און אויף יֶענֶע וֶועלְט.

**תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּורֵא עולָם**